מאַכן אייערע שטערבלעכע גופים דורך זיין גייסט,
וואָס וואוינט אין אייך.
12 צוליב דעם, ברידער, זענען מיר בעלי חוב, נישט
13 צום פלייש, צו לעבן לויטן פלייש; וואָרום אויב
איר לעבט לויטן פלייש, מוזט איר שטאַרבן;
אויב אָבער איר וועט דורכן גייסט אָפּטייטן די
14 מעשים פונם גוף, וועט איר לעבן. וואָרום אַלע,
וואָס ווערן געפירט פון ג־טס גייסט, זענען ג־טס
15 קינדער. ווייל איר האָט נישט באַקומען דעם גייסט
פון קנעכטשאַפט ווידער מורא צו האָבן, נאָר איר
האָט באַקומען דעם גייסט פון אַנגענומענע קינדער, דורך וועלכן
16 מיר רופן: אַבאַ, טאַטע־פאָטער. אָט דער זעלביקער
גייסט זאָגט עדות צוזאַמען מיט אונזער גייסט, אַז
17 מיר זענען ג־טס קינדער. און אויב קינדער, זענען
מיר אויך יורשים, יורשים פון ג־ט, מיטיורשים
פונם משיח; אויב מיר ליידן ווירקלעך מיט אים,
כדי מיר זאָלן אויך צוזאַמען פאַרהערלעכט ווערן.
18 וואָרום איך האַלט, אַז די ענויים פון דער איצטיקער
צייט זענען נישט ווערט דעם כבוד, וואָס וועט
19 אַנטפּלעקט ווערן צו אונז. וואָרום די ערנסטע
בענקשאַפט פון דער באַשאַפונג וואַרט אויפן
20 אַנטפּלעקט ווערן פון ג־טס קינדער. וואָרום די
באַשאַפונג איז אונטערטעניק געוואָרן צו הבל־הבלים,
נישט פרייוויליק, נאָר דורך אים, וואָס האָט זי
21 אונטערטעניק געמאַכט, מיט אַ האָפנונג: אַז אויך
די באַשאַפונג אַליין וועט באַפרייט ווערן פון דער
פאַרקנעכטונג פון פאַרדאַרבונג, צו דער פרייהייט
22 פון דעם כבוד פון ג־טס קינדער. וואָרום מיר
ווייסן, אַז די גאַנצע באַשאַפונג זיפצט און האָט
23 געבורטסווייען ביז איצט. און נישט נאָר דאָס, נאָר
מיר אַליין, וואָס האָבן די ביכורים פונם גייסט,